Letters 30 Days with Rabbi Shais Taub

LETTER #1: MOTZEI SHABBOS, 11 ADAR - MARCH 4

# How the Baal Shem Tov Taught Love

*Printed in Igros Kodesh Vol. 18 pp 1-4*

## ו'תקה

By the Grace of G-d
Erev Rosh Hashanah 5719
Brooklyn, N.Y.

To the branches of "N'shei U'bnos Chabad," wherever you are, may Hashem bless you all

Blessing and Greetings,

Standing here on the threshold of the new year, approaching us and all Jewish people for good and for blessing, I bless all of you in general, and each of you in particular, with a good and sweet year.

This includes, obviously, success in the work of your branch, both in quantity (increasing the membership) and in quality (consolidating the work).

And in matters of Torah and mitzvos, in good and holy things – as good as things may be — there is always room for more and more improvement.

* * *

Since the basis of this work is ahavas Yisroel as it is extensively discussed throughout Chassidus, particularly in the teachings of our Rebbes, I will quote a sichah from my esteemed father-in-law, the Rebbe, in which he tells of a story related by the Tzemach Tzedek in his day. In fact, today, the day before Rosh Hashanah, is the birthday of the Tzemach Tzedek, may his merit protect us and all Jewish people.

ב"ה, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ה'תשי"ט
בְּרוּקְלִין, נ.י.

סְנִיפֵי נְשֵׁי וּבְנוֹת חַבַּ"ד
דִּי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר
ה' עֲלֵיהֶן תִּחְיֶינָה

בְּרָכָה וְשָׁלוֹם!

שְׁטֵייעֶנְדִיק אוֹיף דֶעם שְׁוועֶל פוּן דֶעם נַייְעֶם יָאהר, הַבָּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה,

ווִינְטשׁ אִיךְ אַיְיךְ, אַלֶעמֶען בִּכְלַל אוּן יֶעדֶערֶע פוּן אַיְיךְ בִּפְרַט, אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

ווָאס אִין דֶעם אִיז, זֶעלְבְּסְטְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ - הַצְלָחָה אִין דֶער אַרְבֶּעט פוּן אַיְיעֶר סְנִיף, סַיי אִין כַּמּוּת (פַארְגְרֶעסֶערוּנְג פוּן דֶער צָאהל חֲבֵירוֹת) סַיי אִין אֵיכוּת (פַארְטִיפוּנְג פוּן דֶער אַרְבֶּעט).

אוּן אִין עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹות, פוּן טוֹב אוּן קְדוּשָּׁה, אִיז דָאךְ - ווִי גוּט עֶס זָאל נִיט זַיְין, - שְׁטֶענְדִיג פְּרַאן אָרְט אוֹיף צוּגֶעבֶּען נָאךְ אוּן נָאךְ.

* * *

אַזוֹי ווִי דֶער יְסוֹד פוּן דֶער אַרְבֶּעט, אִיז דָאךְ דֶער עִנְיָן פוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל, ווִי עֶס ווֶערְט בְּרֵייט אַרוּמְגֶערֶעדט אִין פִילֶע עֶרְטֶער בְּתוֹרַת הַחֲסִידוּת, אוּן בִּפְרַט אִין דִי שִׂיחוֹת קֹדֶשׁ פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ,

בְּרֵיינְג אִיךְ דָא, אַן אוֹיסְצוּג פוּן אַ שִׂיחָה פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר - אַ סִיפּוּר, ווֶעלְכֶען עֶס הָאט זַיְינֶערְצַיְיט דֶערְצֵיילְט כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר הַצֶּמַח צֶדֶק,

ווָאס הַיְינְט - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז זַיְין - דֶעם צֶמַח צֶדֶק - יוֹם הוּלֶּדֶת - זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל.



SoulWORDS.org

* * *

“My grandfather, the Tzemach Tzedek, heard this story about the Baal Shem Tov from his grandfather, the Alter Rebbe, who had heard it in Mezritch:

‘Before the Baal Shem Tov was revealed [to the world], and also for the first few years after he revealed himself, he would travel around the Jewish towns; gather the simple Jews, men, women and children, around him in the middle of the marketplace; and tell them stories. The stories were mainly from the legends of our Sages. He would elaborate on and explain the stories, or he would connect a story to a concept mentioned in the legends of our Sages, in order that it permeate and be absorbed by those listening.

‘Once, at such a gathering, the Baal Shem Tov was discussing the topic of ahavas Yisroel, about how important it must be to Jewish people — knowing Hashem’s love for the Jewish People. He explained with a parable:

‘In a village, lived a man named Reb Yaakov, who was fluent in the Talmud with the commentaries of Rashi and Tosfos, by heart. He would also study by heart. (In those times, this was not a great rarity in Jewish cities.) When one studies by heart, one’s thoughts must be more connected to his studies than when one studies from a Sefer. Once, when Reb Yaakov was studying — as mentioned, by heart — a difficult Tosfos, his young child approached him and told him a wise comment. Reb Yaakov was profoundly impressed by this wise comment and interrupted his studying. Such is the effect a child can have.

‘So is Hashem, explained the Baal Shem Tov, (so to speak) occupied, as our Sages teach that He sits and studies Torah for the first three hours of the day. Yet, when a Jew prays, when he comes with a request from Hashem, Hashem interrupts His studies and deals with the prayers and requests of the Jew.

‘When Hashem told the angels that He desired to create man, the angels asked how [man’s] appearance would be. Upon hearing the answer, they declared, ‘What is man that You shall be mindful of him’ — for what reason do You need such a man?

‘Therefore, when a Jew rises in the morning and runs to pray with an early minyan, is then busy throughout the day with his affairs and yet leaves all of his

* * *

דֶער זֵיידֶע דֶער צֶמַח צֶדֶק הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיְין זֵיידֶען - רַבֵּינוּ הַגָּדוֹל, דֶער אַלְטֶער רֶבִּי - וָואס עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט אִין מֶעזְרִיטשׁ, אַ מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב:

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, פַאר זַיְין הִתְגַּלּוּת אוּן אוֹיךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארֶען נָאךְ זַיְין הִתְגַּלּוּת, פְלֶעגְט עֶר אַרוּמְפָארְן אִין אִידִישֶׁע שְׁטֶעטְלֶעךְ, אוּן פְלֶעגְט אִין מִיטֶען מַארְק, צוּזַאמֶענְקְלַיְיבֶּען אַרוּם זִיךְ, דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיֶען אוּן קִינְדֶער, אוּן דֶערְצֵיילֶען זֵיי סִיפּוּרִים. דִי סִיפּוּרִים זַיְינֶען גֶעוֶוען דֶער עִיקָר פוּן אַגָּדוֹת רַזַ״ל. עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיְין אוּן עֶרְקְלֶערֶען זֵיי דֶעם סִיפּוּר, אָדֶער עֶר פְלֶעגְט פַארְבִּינְדֶען אַ סִיפּוּר מִיט אַ עִנְיָן דֶערְמָאנְט אִין אַגָּדוֹת חַזַ״ל, בִּכְדֵי אַז דֶער עִנְיָן זָאל נִקְבָּע וְנִקְלָט וֶוערֶען בַּא דִי הֶערֶער.

אֵיין מָאהל בַּא אַזַא צוּזַאמֶענְקוּמֶען, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶערֶעדט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל, ווִי גְרוֹיס עֶס דַארְף זַיְין בַּא אִידֶען - ווִיסֶענְדִיק דִי אַהֲבָה פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען צוּ אִידֶען, אוּן הָאט עֶס עֶרְקְלֶערְט מִיט אַ בַּיְישְׁפִּיל:

אִין יֶענֶער שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יַעֲקֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען בָּקִי אִין שַׁ״ס גְמָרָא רַשִׁ״י אוּן תּוֹסְפוֹת אוֹיף אוֹיסְוֶוייְנִיג, אוּן פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוֹיף אוֹיסְוֶוייְנִיג,

- יֶענֶע צַיְיטֶען אִיז דָאס נִיט גֶעוֶוען קֵיין זֶעלְטֶענְהַיְיט אִין אִידִישֶׁע שְׁטֶעטְלֶעךְ -

אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיסְוֶוייְנִיג מוּז דָאךְ דֶער גֶעדַאנְק זַיְין מֶער צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ דֶעם לֶערְנֶען - ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט אִינְוֶוייְנִיג.
אַמָאהל הָאט ר' יַעֲקֹב גֶעלֶערְנְט - ווִי גֶעזָאגְט אוֹיסְוֶוייְנִיג - אַ שְׁוֶוערֶען גְרוֹיסֶען תּוֹסֶפֶת, אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ עֶם זַיְין אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן הָאט עֶם גֶעזָאגְט עֶפֶּעס אַ חָכְמָה, אִיז ר' יַעֲקֹב שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל גֶעוָוארֶען פוּן דֶער חָכְמָה, אוּן הָאט מַפְסִיק גֶעוֶוען דֶעם לֶערְנֶען.
אָט דָאס קֶען פּוֹעֵל זַיְין אַ קִינְד.

אַזוֹי אוֹיךְ, כִּבְיָכוֹל, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - זֶעצְט פָאר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב - אִיז פַארְנוּמֶען - ווִי רַזַ״ל זָאגֶען, שָׁלֹשׁ שָׁעוֹת רִאשׁוֹנוֹת יוֹשֵׁב וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה כו', אָבֶּער בְּשַׁעַת אַ אִיד דַאוֶוענְט, קוּמְט מִיט אַ בַּקָשָׁה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען - אִיז עֶר מַפְסִיק אוּן פַארְנֶעמְט זִיךְ מִיט דִי תְּפִלּוֹת וּבַקָשׁוֹת פוּן אִידֶען.

וֶוען הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי מַלְאָכִים, אַז עֶר ווִיל בַּאשַׁאפֶען אַ מֶענְשְׁן, הָאבֶּען דִי מַלְאָכִים גֶעפְרֶעגְט, ווִי וֶועט עֶר אוֹיסְזֶעהְן. הֶערֶענְדִיג דֶעם עֶנְטְפֶער הָאבֶּען זֵיי גֶעזָאגְט: מָה אֱנוֹשׁ כִּי תִזְכְּרֶנּוּ, אוֹיף וָואס דַארְפְמֶען אַזַא מֶענְשְׁן.

אִיז אַז אַ אִיד שְׁטֵייט אוֹיף אִין דֶער פְרִי, לוֹיפְט דַאוֶוענֶען בְּצִבּוּר וָתִיקִין, אוּן דֶערְנָאךְ אַ גַאנְצֶען טָאג אִיז עֶר טָרוּד וּמוּטְרָד, אוּן דָאךְ לָאזְט עֶר אִיבֶּער אַלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען אוּן לוֹיפְט דַאוֶוענֶען מִנְחָה אִין שׁוּל, אוּן צְווִישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, הֶערְט עֶר לֶערְנֶען עֵין יַעֲקֹב אוּן דַאוֶוענְט מַעֲרִיב, בְּרֵיינְגְט אַהֵיים דֶעם עִנְיָן פוּן עֵין יַעֲקֹב אוּן דֶערְצֵיילְט עֶס אִיבֶּער דִי בְּנֵי בַּיִת,

אִיז דֶענְסְמָאל רוּפְט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ צוּנוֹיף דִי מַלְאָכִים, אוּן בַּארִימְט זִיךְ מִיט דֶעם מֶענְשְׁן וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפֶען, אוּן זָאגְט זֵיי:

אִיר מַלְאָכִים, הָאט נִיט קֵיין רֵיחַיִים עַל צַוָּארוֹ (קֵיין יָאךְ), קֵיין פְרוֹי אוּן קִינְדֶער, קֵיינֶע טִרְדוֹת, קֵיינֶע מִסִּים וְאַרְנוֹנִית (שְׁטַייְעֶרֶען).



SoulWORDS.org

businesses and runs to go pray the Mincha prayer in shul, listens to a lesson in Ein Yaakov between Mincha and Maariv, and then davens Maariv and brings this lesson in Ein Yaakov home with him and repeats it to his family, Hashem then gathers the angels and prides Himself in the man that He created, saying to them:

'You angels, you have no yoke upon your neck; [you have] no wife or children, no worries, no taxes to pay. This man has a yoke, and I commanded this man to take this yoke upon himself; according to the Torah, he must support his wife and children, and he is busy and disturbed with worries and has taxes and the yoke of exile. Yet, see how he conducts himself.

Reflecting that Hashem takes pride in every good deed that a Jew does will  have a great effect.'"

***

As explained several times, the words of our Rebbeim and the stories that we heard from them are a guide and teacher for all who hear them. At the same time, they give us the strength and blessing to fulfill [what has been spoken]. It is then dependent upon the listener alone to fulfill according to the intended result.

May Hashem assist that, as mentioned, you shall do so, and it should be with success in all aspects.

With blessings for a kesivah vachasimah tovah to everyone with their families shlita.

דֶער מֶענְטשׁ הָאט רֵיחַיִים עַל צַוָּארוֹ, אוּן דִי רֵיחַיִים הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעהֵייסֶען נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ, עַל פִּי תּוֹרָה דַארְף עֶר מְפַרְנֵס זַיְין אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו, אוּן אִיז טָרוּד וּמוּטְרָד אוּן הָאט מִסִּים וְאַרְנוֹנִית, עוֹל הַגָּלוּת, אוּן דָאךְ זֶעהט וִוי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף.

וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ אַרַיְינְטְרַאכְטֶען אוּן פָארְשְׁטֶעלֶען זִיךְ וִוי מִיט יֶעדֶער גוּטֶער זַאךְ, וָואס אַ אִיד טוּט - בַּארִימְט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, וֶועט דָאס פּוֹעֵל זַיְין אַ סַךְ.

***

וִוי שׁוֹין אֵיינִיגֶע מָאהל עֶרְקְלֶערְט, זַיְינֶען דִי רֵייד פוּן נְשִׂיאִים אוּן סִיפּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט פוּן זֵיי, אַן אָנְוַוייזוּנְג אוּן לֶערְנוּנְג פַאר יֶעדֶערְן פוּן דִי הֶערֶער. אוּן גְלַייכְצַייטִיג אוֹיךְ אַ נְתִינַת כֹּחַ, אַ שְׁטַארְקוּנְג אוּן בְּרָכָה, אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען פַארְווִירְקְלִיכֶען. אוּן עֶס וֶוענְדט זִיךְ נָאר אִין דֶעם הֶערֶער, עֶר זָאל דָאס עֶרְפִילֶען לוֹיט דֶער כַּוָּנָה.

אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל הֶעלְפֶען, אַז וִוי גֶעזָאגְט, זָאל מֶען טָאן אִין דֶעם אוּן עֶס זָאל זַיְין מִיט הַצְלָחָה אִין אַלֶע הִינְזִיכְטֶען.

בִּבְרָכַּת כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, צוּ יֶעדֶערֶער מִיט דִי בְּנֵי בַּיִת - שְׁלִיטָ"א.

האגרת שלפנינו נדפסה בלקו"ש חכ"ד ע' 533.

אויסצוג פון א שיחה: י"ט כסלו תרצ"ט (סה"ש תרצ"ו-ש"ת ע' 317).